# בשעתן שוואַרצן רעגן

העבים שואבים מים מן התהומות (פרדס א)
ענגין הן דמכסין על עינא... (זוהר)

ווי כוואַליעס פון ים ליאַרמען פאַרביי די מעת־לעתן
איבער גאַסן און מענטשן און גרויסע שטעט
און שוימען אומרואיק און ווילד,
טראַגנדיק אין זיך דעם אונטערגאַנג.

ווען אונדזער לעבן
פאַלט יונגערהייט און פאַרשמאַכט אַראָפּ
און טרינקט זיך אָן
מים זייער האַרבן זאַלציקן געררויש, —
זאַמלען זיך דיקע וואָלקנס
אויף דער ליכטיקער פלאַך פון אונדזער נשמה.

און דערשראָקענע ציען מיר זיך איין
אין ענגסטן ווינקל פון אונדזער זיין;
מיר האָבן מורא פאַר יעדן קלאַנג און באַוועגונג,
ווי דער, וואָס ליגט האַלב־וואַך און אַליין
אין שטערנלויזער שפּעטער ווינטיקער נאַכט
און פילט אין אַנגסטן און זעט:
זיינע געשטאָרבענע ברידערלעך
זענען צו אים געקומען
און שלעפּן אים פאַר די פינגער פון די פיס
צו זיך...
אונדזערע פאַרלוירענע בליקן
רייסן זיך צו די פענצטער,
נאָר אַזוי לאַנג איז נאָך צו טאָג,

און דערווייל שפּרייזט אונדז איבער די קעפּ,
גרייז און אַלט דורך דער לאַסט פון אַ שווערן חלום,
כמאַרע נאָך כמאַרע.
און עס רעגענען אונדזערע אייגן שיטער, האַרבסטיק —
און עס רעגענען אונדזערע אויגן.

דורך נאַסע, זיך אַליין באַקלאַגנדיקע נעכט,
טראָגט זיך איבער גאַסן און מענטשן און גרויסע שטעט,
ווי ווייט אַ היזעריק געשריי קאָן דערגרייכן:

„דו קענסט פון אייביק אָן
אונדזער צייט — דעם קלוגן, ערנסטן עדות פון דעם שוואַכן מענטש,
דו ווייסט אונדזערע ערטער — ווילדע וועגן אין אַ ווילדן וואַלד,
און דו האָסט געשוואוירן,
ביי דער הייליקייט פון דיין רחמנות,
נישט לאָזן אונטערגיין
אונדזער קליינע וועלט:
זע, אונדזערע אַלטעביימער האָט אומגעוואָרפן דער שטורעם,
מיר, יונגע,
שלאָגן פאַרצווייפלט די קעפּ ווי גראָזן אָן דער ערד,
קינדער שרעקן זיך פאַר דעם רעגן, וואָס פאַלט
אין דער פינצטער, און וויינען: —
זע שוין צו אַמאָל דעם צער
פון די בלאַסע מאַמעס, וואָס מוזן שמייכלען
און טרייסטן מיט האַלבן מויל:
ער איז אַ גוטער... וועט אונדז מוחל זיין...
און וואָגן נישט אויפהייבן
די קראַנקע ברעמען צום האָריזאָנט — —
אויף ווען וואַרטסטו,
מיט דיין גרויסן, רויטן־בלויען בויגן
אין דער הייך? — — — —